Trafikskadenämnden

# מישפּטן בײַם אַמט פֿון טראַפֿיק־אַוואַריעס

**טאָמער, ביסטו אָדער אַ קרובֿ געוווּנדיקט געוואָרן אין אַן אויטאָ־סיבה, מעגט דער אַמט פֿון טראַפֿיק־אַוואַריעס מישפּטן וועגן די באַצאָלונג פֿון דײַן פֿאַרזיכער־פֿירמע. די אַרבעט בײַם אַמט מיט אַזאַ ענין פֿירט מען דורך אויף שוועדיש. דער מישפּט איז בחינם. די באַמערקונגען פֿונעם אַמט פֿון טראַפֿיק־אַוואַריעס זענען עצות צו דער פֿאַרזיכער־פֿירמע. דער אַמט פֿון טראַפֿיק־אַוואַריעס גיט איבער מישפּטן לגבי צוויי פֿאַרשיידענע מינים ענינים; אָבליגאַטאָרישע ענינים און חילוק־דעות. די אָ אינפֿאָרמאַציע איז וועגן חילוק־דעות.**

## חילוק־דעות

טאָמער, האָסטו געקראָגן אַ לעצטגילטיקן באַשלוס פֿון דער פֿאַרזיכער־פֿירמע וועגן אַ באַצאָלונג נאָך אַ שאָדן פֿון אַן אויטאָ־סיבה און דו ביסט ניט צופֿרידן מיטן באַשלוס, קענסטו אַפּליקירן אויף אַ מישפּט בײַם אַמט פֿון טראַפֿיק־אַוואַריעס. ווערט דײַן ענין אַ חילוק־דעות.

## צי קען איך אַליין אַפּליקירן אויף אַ מישפּט בײַם אַמט פֿון טראַפֿיק־אַוואַריעס?

טאָמער, האָט דײַן פֿאַרזיכער־פֿירמע איבערגעגעבן אַ לעצטגילטיקן באַשלוס אינעם אַקטועלן ענין, קענסטו אַפּליקירן בײַם אַמט פֿון טראַפֿיק־אַוואַריעס. פֿאַר דעם, מוזטו זיך אָבער שטעלן אין פֿאַרבינדונג מיט דער פֿאַרזיכער־פֿירמע כּדי צו פּרוּוון צו פֿאַרענדערן דעם, לויט דײַן מיינונג, שלעכטן באַשלוס. טאָמער, פֿאַרענדערט די פֿירמע ניט דעם באַשלוס און איר זענט ניט מסכּים וועגן דעם, קענסטו אַפּליקירן בײַם אַמט פֿון טראַפֿיק־אַוואַריעס.

## מע קען למשל אַפּליקירן אויף אַ מישפּט וועגן די אָ ענינים:

- צי איז דײַנע פּראָבלעמען צוליב דער אויטאָ־סיבה צי ניט
- וויפֿל איז די מעדיצינישע אינוואַלידקייט נאָך דער אויטאָ־סיבה
- וויפֿל געלט האָסטו פֿאַרלוירן צוליב דעם אויטאָ־סיבה
- צי איז דײַן ענין פּרעסקריבירט צי ניט

## די טראַפֿיק־פֿאַרזיכערונג־פֿאַרייניקונג

טאָמער, באַהאַנדלט די טראַפֿיק־פֿאַרזיכערונג־פֿאַרייניקונג (TFF) דײַן ענין, קענסטו זיך ניט ווענדן גלײַך צום אַמט פֿון טראַפֿיק־אַוואַריעס. טאָמער, ביסטו ניט צופֿרידן מיטן באַשלוס, האָסטו שטענדיק דאָס רעכט צו נעמען דײַן ענין צום אַמט פֿון טראַפֿיק־אַוואַריעס. דאַן, ווענדסטו זיך צו TFF וואָס שיקט אַרײַן דײַן ענין צום אַמט פֿון טראַפֿיק־אַוואַריעס כּדי מע זאָל איבערגעבן אַ מישפּט וועגן אים. TFF וועט צושיקן דעם אַמטס באַמערקונגען צו דיר.

## ווי אַזוי פֿירט מען דורך דעם מישפּטן?

1. דו קענסט אַפּליקירן אויף אַ מישפּט בײַם אַמט פֿון טראַפֿיק־אַוואַריעס דיגיטאַליש אָדער דורך אַ פּאַפּיר־פֿאָרמולאַר וואָס מען שיקט אַרײַן דורך פּאָסט. מע געפֿינט די פֿאָרמולאַרן אויפֿן אמטס וועבזײַטל, www.trafikskadenamnden.se. דו מוזט בײַליגן דער פֿאַרזיכער־פֿירמעס באַשלוס אינעם אַקטועלן ענין צו דער אַפּליקאַציע. נאָך דעם באַשליסטו אַליין וואָס מאַטעריאַל צו בײַלייגן.
2. ווען מע רעגיסטרירט דעם ענין קריגסטו אַ באַשטעטיקונג וועגן דעם. טאָמער, האָסטו באַמק־אידענטיפֿיקאַציע (BankID), קענסטו פֿאָלגן דעם ענין דיגיטאַליש אויף "מײַנע זײַטלעך" דורכן אַמטס וועבזײַטל. אויב ניט, וועסטו קריגן אינפֿאָרמאַציע דורכן פּאָסט.

3. די פֿאַרזיכער־פֿירמע שיקט צו איר ענטפֿער אויף דײַן אַפּליקאַציע צום אַמט פֿון טראַפֿיק־אַוואַריעס. די פֿאַרזיכער־פֿירמע וועט בײַלייגן די דאָקומענטן איר ווילט ניצן אין שייכות מיטן מישפּט בײַם אַמט.
4. ווען דו האָסט געזען אַלדי מאַטעריאַלן קענסטו צולייגן עפּעס אויב דו ווילסט. גיב אָבער אַכט; דו קענסט נאָר צולייגן אַזאַ מאַטעריאַל וואָס די פֿאַרזיכער־פֿירמע האָט שוין געזען. טאָמער, ווילסטו, למשל, אַרײַנשיקן נײַע מעדיצינישע צערטיפֿיקאַטן, מוזטו זיי קודם צושיקן צו דער פֿאַרזיכער־פֿירמע כּדי זיי זאָלן קענען איבערטראַכטן איר באַשלוס.
5. דער אַמט פֿון טראַפֿיק־אַוואַריעס מישפּט וועגן דײַן ענין אויף אַ טרעפֿונג און שרײַבט דערנאָך באַמערקונגען וועגן זײַן מיינונג.
6. נאָכן מישפּט שיקט מען דעם אַמטס באַמערקונגען צו צו דיר און דער פֿאַרזיכער־פֿירמע.

דו קענסט צוריקנעמען דײַן אַפּליקאַציע ווען נאָר דו ווילסט אין משך פֿונעם אַמטס באַהאַנדלונג.

**ווי לאַנג וועט דער אַמט פֿון טראַפֿיק־אַוואַריעס מישפּטן דעם ענין?**

ווען די קאָמוניקאַציע צווישן דיר און דער פֿאַרזיכער־פֿירמע איז שוין פֿאַרטיק, וועט מען דעם ענין מישפּטן אין, צום מערסטנס, 90 טעג אַרום. ס'טרעפֿט זיך אַז מען מוז אַן ענין באַהאַנדלען אין משך פֿון אַ לענגערער צײַט.

**וואָס שפּראַך ניץ מען אין די דאָקומענטן?**

מע פֿירט דורך דעם מישפּטן בײַם אַמט פֿון טראַפֿיק־אַוואַריעס אויף שוועדיש.

**וועלכע כּללים גילטן פֿאַר אַ יורידישן פֿאָרטרעטער?**

דו קענסט יאָ האָבן אַ יורידישן פֿאָרטרעטער וואָס העלפֿט דיר אין משך פֿומעם מישפּטן בײַם אַמט פֿון טראַפֿיק־אַוואַריעס, אָבער עס איז ניט קיין פֿאָדערונג. טאָמער, ווילסטו אַ יורידישן פֿאָרטרעטער, באַשליסט די פֿאַרזיכער־פֿירמע אויב זי זאָל צאָלן פֿאַר דעם אָדער ניט. אויב ניט מוזטו צאָלן אַליין. טאָמער, האָסטו אַ יורידישן פֿאָרטרעטער, מוזטו אַרײַנשיקן אַ בלעטל וועגן דעם לגבי דעם ענין.

**צי מעג איך יאָ אָנטיילנעמען בײַ די טרעפֿונגען בײַם אַמט פֿון טאַפֿיק־אַוואַריעס?**

דו און דײַן יורידישער פֿאָרטרעטער טאָרן ניט אָנטיילנעמען בײַ דער טרעפֿונג ווו מע באַהאַנדלט דײַן ענין. מע באַהאַנדלט דעם ענין נאָר מיט שריפֿטלעכע דאָקומענטן.

**צי מוז די פֿאַרזיכער־פֿירמע פֿאָלגן די באַמערקונגען פֿונעם אַמט פֿון טראַפֿיק־אַוואַריעס?**

די שריפֿטלעכע באַמערקונגען פֿונעם אַמט פֿון טראַפֿיק־אַוואַריעס זענען עצות. דאָס הייסט אַז די פֿאַרזיכער־פֿירמע מוז זיי ניט פֿאָלגן. געוויינטלעך פֿאָלגן, אָבער, די פֿאַרזיכער־פֿירמעס די באַמערקונגען.

**צי קען איך אַפּעלירן די באַמערקונגען פֿונעם אַמט פֿון טראַפֿיק־אַוואַריעס?**

מע קען ניט אַפּעלירן די באַמערקונגען פֿונעם אַמט פֿון טראַפֿיק־אַוואַריעס. טאָמער, ביסטו ניט צופֿרידן מיט די באַמערקונגען אָדער האָט דײַן פֿאַרזיכער־פֿירמע ניט פֿאַרענדערט איר באַשלוס לויט די באַמערקונגען, קענסטו נעמען דעם ענין צום אַלגעמיינעם געריכט. דאַן, מישפּט מען וועגן דער פֿאַרזיכער־פֿירמעס באַשלוס און ניט דעם אַמטס באַמערקונגען. ס'קען זײַן דאָ רעלעוואַנטע כּללים וועגן פּרעסקריפּציע. פֿאַר ווײַטער אינפֿאָרמאַציע וועגן אַלדי כּללים אין אַזאַ סיטואַציע זאָלסטו זיך שטעלן אין פֿאַרבינדונג מיט דײַן פֿאַרזיכערפֿירמע.

**ווײַטער אינפֿאָרמאַציע איז דאָ אויף www.trafikskadenamnden.se**